# Наследники ГОСЕТа

*02.07.2020* *Биробиджанер Штерн*




Алексей Грановский (Абрам Азарх)

Александр Чернов, создатель слайдового фильма о Московском еврейском драматическом ансамбле – наследнике Михоэлсовского ГОСЕТа, планирует продублировать этот фильм на идише

Московский еврейский государственный театр (ГОСЕТ), существовавший в 1920 – 1949 гг., стал своего рода легендой еврейской советской культуры и ее символом. Его основателем и первым художественным руководителем был Алексей Грановский (Абрам Азарх), но говоря о Московском ГОСЕТе, прежде всего упоминают имя Соломона Михоэлса (Вовси), хотя Михоэлс стал художественным руководителем театра лишь в 1929 году, когда Грановский решил не возвращаться в СССР из европейских гастролей. И все же Михоэлса можно тоже считать как минимум сооснователем Московского ГОСЕТа. Вместе с Вениамином Зускиным он участвовал в качестве актера в первом спектакле этого театра, поставленном Грановским, – «Вечер Шолом-Алейхема». Кстати, художественным оформителем этого театра был Марк Шагал.



bessmertnybarak.ru

Соломон Михоэлс показал себя не только в качестве всемирно известного актера (говорят, что он был лучшим исполнителем роли короля Лира) и талантливого режиссера, но и в качестве руководителя-организатора (основанное им в 1930 г. еврейское театральное училище при Московском ГОСЕТе готовило молодые кадры для всех еврейских театров СССР, включая Биробиджанский еврейский государственный театр) и даже, в

определенной степени – политика. Не случайно именно он стал в феврале 1942 г. первым председателем Еврейского антифашистского комитета.

Огромная популярность Михоэлса привела к тому, что сталинские палачи сочли необходимым представить его убийство в январе 1948 г. в качестве «дорожной аварии», а не арестовывать его, как это произошло с его заместителем Вениамином Зускиным в декабре того же года. В течение 1949 г. во время антисемитских гонений были арестованы практически все видные деятели еврейской культуры в СССР. 16 ноября 1949 г. Московский ГОСЕТ сыграл свой последний спектакль – «Гершеле Остраполер» Мойше Гершензона, и его закрыли.



artsandculture.google.com

Но это еще не конец истории. Намного меньше известен тот факт, что в 1962 г. группе бывших актеров Московского ГОСЕТа во главе с Вениамином Шварцером, который был художественным руководителем Московского ГОСЕТа в последние месяцы его существования, после ареста Зускина, удалось создать Московский еврейский драматический ансамбль при Москонцерте. В нем играло немало бывших актеров ГОСЕТа: Сеня Бинник, Арон Каган, Лея Колина, Хаим Левинзон, Соня Лещинская, Роза Кур, Зиновий Каминский, Мария Котлярова (позднее она работала педагогом в Камерном еврейской музыкальном театре при Биробиджанской филармонии), Эли Трактовенко, Нехама Сиротина, Михаил Шапиро и др. Репертуар ансамбля тоже основывался в значительной степени на репертуаре Московского ГОСЕТа: Шолом-Алейхемовские «200000», «Заколдованный портной», «Доктор», «Поздравляем»; «Колдунья» Авраама Гольдфадена, «Испанцы» Михаила Лермонтова, «Гершеле Остраполер» Мойше Гершензона… Московский еврейский драматический ансамбль с успехом гастролировал по Советскому Союзу, в том числе в Биробиджане, где он бывал не раз.

Постепенно актерский состав менялся по естественным причинам. Актеры старшего поколения, которые знали Соломона Михоэлса, уходили, а на их место приходили молодые. Менялась и языковая ситуация советского еврейства – все меньше оставалось зрителей, понимавших идиш. В 1980 г. ансамбль начал использовать в своих постановках и русский язык. Первой поставленной по-русски пьесой стал «Дамский портной» Александра Борщаговского.

В 1987 г. на основе Московского еврейского драматического ансамбля, который имел к тому времени свое собственное помещение в Москве и назывался «театром-студией», был

создан Московский еврейский театр «Шалом» под руководством Александра Левенбука, который существует до сих пор, выступая почти исключительно по-русски. Но это совсем другая история.



Теперь история Московского еврейского драматического ансамбля, наследника Михоэлсовского ГОСЕТа, написана и даже рассказана. Это сделал Александр Чернов, бывший актер Ансамбля, который пришел в этот творческий коллектив в 1974 г., будучи совсем юным. Сейчас Александр Чернов живет в Израиле. Там он и создал слайдовый фильм продолжительностью в один час под названием «Московский еврейский драматический ансамбль». Этот фильм, недавно выложенный в свободном доступе на YouTube, представляет собой часть более широкого проекта «Еврейские театры на идише», который осуществляется под руководством Якова Иовновича в Доме ученых и специалистов в городе Реховоте. Пока что этот фильм существует только по-русски, однако планируется создать его версию на идише.

В. Пирятинский https://youtu.be/1GvXplQuX2Q




דער יורש פֿון גאָסעט - אַלעקסיי גראַנאָווסקי

אַלעקסיי גראַנאָווסקי

אַלכּסנדר טשערנאָוו, וועלכער האָט געשאַפֿן אַ סלײַד־פֿילם אויף רוסיש וועגן דעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, דעם יורש פֿון מיכאָעלסעס גאָסעט, פּלאַנירט צו באַקלאַנגיקן דעם פֿילם אויף ייִדיש

דער מאָסקווער ייִדישער מלוכה־טעאַטער (דער מאָסקווער גאָסעט), וועלכער האָט עקזיסטירט אין 1920 – 1949, איז געוואָרן אַ מין לעגענדע פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור און אַ סימבאָל אירער. זײַן גרינדער און דער ערשטער קינסטלערישער אָנפֿירער איז געווען אַלעקסיי גראַנאָווסקי (אבֿרהם אַזאַרך), אָבער אַז מע רעדט וועגן דעם מאָסקווער גאָסעט, דערמאָנט מען קודם־כּל דעם נאָמען פֿון שלמה מיכאָעלס (וואָווסי), הגם מיכאָעלס איז געוואָרן דער קינסטלערישער אָנפֿירער פֿונעם טעאַטער בלויז אין 1929, ווען גראַנאָווסקי האָט באַשלאָסן זיך ניט אומקערן פֿון

אייראָפּעיִשע גאַסטראָלן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד. און פֿאָרט מעג מען אויך מיכאָעלסן האַלטן לכל־הפּחות פֿאַר אַ מיטגרינדער פֿונעם מאָסקווער גאָסעט. ער האָט צוזאַמען מיט בנימין זוסקינען געגרינדעט אין 1921 אַן אָנטייל אַלס שוישפּילער אינעם ערשטן ספּעקטאַקל פֿונעם טעאַטער, וועלכן עס האָט געשטעלט גראַנאָווסקי – «אַן אָוונט פֿון שלום־עליכמען». אגבֿ, יענעם ספּעקטאַקל האָט קינסלעריש אויסגעפֿורעמט מאַרק שאַגאַל.

שלמה מיכאָעלס האָט זיך באַוויזן ניט בלויז ווי אַ וועלט־באַרימטער אַקטיאָר (מע זאָגט, אַז ער איז געווען דער בעסטער אינעם וועלט־טעאַטער אויספֿילער פֿון דער ראָלע פֿונעם קעניג ליר) און אַ טאַלאַנטירטער רעזשיסער, נאָר אויך ווי אַן אָנפֿירער אַן אָרגאַניזאַטאָר (די געגריטדעטע דורך אים אין 1930 ייִדישע טעאַראַלע שול בײַם מאָסקווער גאָסעט האָט געגרייט יונגע קאַדרען פֿאַר אַלע ייִדישע טעאַטערן פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, בתּוכם פֿאַרן בירָאָבידזשאַנער ייִדישן מלוכה־טעאַטער) און אפֿילו, אין אַ געוויסער מאָס אַ פּאָליטיקער. ניט צופֿעליק דווקא ער איז געוואָרן אין פֿעברואַר 1942 דער ערשטער פֿאָרזיצער פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט.

מיכאָעלסעס ריזיקע פּאָפּעלרקייט האָט געבראַכט צו דעם, וואָס סטאַלינס קאַטן האָבן געהאַלטן פֿאַר נייטיק פֿאָרשטעלן זײַן מאָרד אין יאַנואַר 1948 ווי אַ «טראַפֿיק־אינצידענט» און ניט אַרעסטירן אים, ווי דאָס איז געשען מיט זײַן שטעלפֿאַרטרעטער בנימין זוסקין אין דעצעמבער פֿונעם זעלבן יאָר. במשך פון 1949 זײַנען אין ראַמען פֿון אַנטיסעמיטישע רדיפֿות אַרעסטירט געוואָרן פּראַקטיש אַלע אָנגעזעענע טוער פֿון דער ייִדישער קולטור אינעם ראַטנפֿאַרבאַנד. דעם 16טן נאָוועמבער 1949 האָט דער מאָסקווער גאָסעט געשפּילט זײַן לעצטן ספּעקטאַקל – משה גערשענזאָנס «הערשעלע אָסטראָפּאָליער» – און מע האָט אים פֿאַרמאַכט.




tvkultura.ru

אָבער דאָס איז נאָך ניט קיין סוף פֿון דער געשיכטע. אַ סך ווייניקער איז באַוווּסט יענער פֿאַקט, וואָס אין 1962 האָט אַ גרופּע געוועזענע אַקטיאָרן פֿונעם מאָסקווער גאָסעט בראָש מיט בנימין שוואַרצער, וועלכער איז געווען דער קינסטלערישער אָנפֿירער פֿונעם מאָסקווער גאָסעט במשך פֿון זײַנע לעצטע חדשים, נאָך זוסקינס אַרעסט, מצליח געווען שאַפֿן דעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל בײַם מאָסקאָנצערט. אין אים האָבן געשפּילט ניט ווייניק געוועזענע גאָסעט־אַקטיאָרן: סאָניע ביניק, אהרן קאָגאַן, לאה קאָלינע, חיים לעווינזאָן, סאָניע לעשטשינסקאַיאַ, ראָזע קורץ, זינאָווי קאַמינסקי, מאַניע קאַטליאַראָווע (שפּעטער האָט זי געאַרבעט אַלס פּעדאַגאָג אינעם ייִדישן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער בײַ דער בירָאָבידזשאַנער פֿילהאַרמאָניע), אלי טראַקטאָווענקאָ, נחמה סיראָטינע, מיכאל שפּירא אאַ. אויך דער רעפּערטואַר פֿונעם אַנסאַמבל האָט זיך באַזירט אין אַ גרויסער מאָס אויפֿן רעפּערטואַר פֿונעם מאָסקווער גאָסעט: שלום־עליכמס «200000», «דער פֿאַרכישופֿטער שנײַדער», «אַ דאָקטער!», «מזל טובֿ»; אבֿרהם גאָלדפֿאַדנס «די מכשפֿה», מיכאַיִל לערמאָנטאָווס «די שפּאַניער», משה גערשענזאָנס «הערשעלע אָסטראָפּאָליער»... דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל האָט מיט דערפֿאָלג גאַסטראָלירט איבערן ראַטנפֿאַרבאַנד, בתוכם אין בירָאָבידזשאַן, וווּ ער איז געווען ניט איין מאָל.

בהדרגהדיק האָט דער אַקטיאָרן־באַשטאַנד זיך געביטן צוליב נאַטירלעכע סיבות. עלטערע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געקענט שלמה מיכאָעלסן, האָבן געהאַלטן אין איין

אַ. גראַנאָווסקי. ״בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ פֿון י.־ל. פּרץ

http://www.gazetaeao.ru/resurs/uploads/2020/07/Granovski1-300x269.jpgbigenc.ru

אַוועקגיין און אויף זייערע ערטער זײַנען געקומען יונגע. עס האָט זיך געביטן אויך די שפּראַכלעכע סיטואַציע פֿונעם סאָוועטישן ייִדנטום – אַלץ ווייניקער זײַנען געבליבן צושויער, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען ייִדיש. אין 1980 האָט דער אַנסאַמבל אָנגעהויבן אויסנוצן אין זײַנע שטעלונגען אויך רוסיש. די ערשטע געשטעלטע אויף רוסיש פּיעסע איז «דער דאַמען־שנײַדער» געוואָרן אלכּסנדר באָרשטשאַגאָווסקיס.

אין 1987 איז אויפֿן יסוד פֿונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, וועלכער האָט צו יענער צײַט שוין געהאַט זײַן אייגענעם לאָקאַל אין מאָסקווע און געהייסן «טעאַטער־סטודיע», איז געשאַפֿן געוואָרן דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער «שלום» אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אלכּסנדר לעווענבוק, וועלכער עקזיסטירט ביז איצט, שפּילנדיק כמעט אויסשליסלעך אויף רוסיש. אָבער דאָס איז גאָר אַן אַנדערע געשיכטע.

איצט איז די געשיכטע פֿונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, דעם יורש פֿון מיכאָעלסעס גאָסעט אָנגעשריבן און אפֿילו דערציילט. ס׳האָט עס געטאָן אַלכּסנדר טשערנאָוו, אַ געוועזענער אַקטיאָר פֿונעם אַנסאַמבל, וועלכער איז געקומען אין אָט דעם שעפֿערישן קאָלעקטיוו אין 1974, זענענדיק נאָך גאָר אַ יונגער בחור. איצט וווינט אלכּסנדר טשערנאָוו אין ישׂראל. דאָ ניט לאַנג האָט ער געשאַפֿן אַ סלײַד־פֿילם, וואָס דויערט 1 שעה און הייסט טאַקע «דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל». אָט דער פֿילם, וועלכער איז צוטריטלעך אויפֿן יוטיוב, איז אַ טייל פֿון אַ ברייטערן פּראָיעקט «ייִדישע טעאַטערן», וואָס ווערט פֿאַרווירקלעכט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון יעקבֿ יאָוונאָוויטש אינעם הויז פֿון געלערנטע און פֿאַכלײַט אין דער שטאָט רחובֿות. דערווײַל עקזיסטירט דער פֿילם נאָר אויף רוסיש, אָבער ס׳איז פֿאַרפּלאַנירט צו שאַפֿן זײַן ווערסיע אויף ייִדיש.

וו. פּיריאַטינסקי